# אין תוך גענומען

ארום ביכער, מענטשן און זאכן

פון
יעקב גלאַטשטיין

## יאָסל בירשטיין

יאָסל בירשטיין, אַ דיכטער וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — „אונטער פרעמדע הימלען" אין מעלבורן, אויסטראַליע, אין 1949, וואוינט שוין, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין מדינת ישראל. ס'וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען, וואָס ער וועט דאָרט טאָן מיט זיין פילצוואַנדיקן טאַלאַנט. סוצקעווער איז אַוועק קיין ישראל אַ רייפער דיכטער און די סביבה פאַר זיין אידיש ליד האָט ער, אַזוי צו זאָגן, מיטגעבראַכט מיט זיך. איצט אַז ער פּלאַנטעט זיך אויך אין אין מדינת ישראל, טוט ער דאָס מיט דער פאַרטיקער ווירטואָזיטעט, וואָס ער האָט געבראַכט פון ווילנע. זיינע אידישע לידער וועגן אַזוי איבערצייגנדיק דווקא אויף אידיש, אַז אפילו דעם שאַרפסטן קענער פון אידיש וועט זיין אַ שווער אַוועקצוּוואַרפן די אָריגינאַלן. אָבער וויכטיקער פון אַלץ איז וואָס אים אַליין וועט זיין אַ שווער אַוועקצוּוואַרפן די אָריגינאַלן אפילו ווען די וועלן גלייך געשריבן ווערן פאַר איבערזעצונגען.

מיט יאָסל בירשטיינען בין איך שוין נישט אַזוי זיכער. ער איז בפירוש אַ מענטש מיט אַ סך טאַלאַנט און מיט אַן אייגענער דיכטע־רישער וואַרעמקייט און צוטרוי צום אידישן וואָרט. אָבער ער איז נאָך נישט אַזוי רייף ווי סוצקעווער און ס'איז מעגלעך, אַז אים אַליין וועט דערעסן ווערן אויסקעמפן אין ישראל אַן אָרט פאַר זיינע האַלב־רייפע אידישע לידער. און דאָס איז אַ שאָד. כ'וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין דער פראַגע פון מעגלעכער צוויישפּראַכיקייט פאַר פּאָעטן. אָבער אויב בירשטיינען וועט אפילו געלונגען צו ווערן אַ העברעאישער פּאָעט, וועט אַלץ זיין אַ שאָד דער אידישער פּאָעט, וואָס קען שרייבן אַזעלכע שורות:

כ'שטרעק אויס מיין האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.

מיין טאַטע לייענט מיר פאָר
אַ מעשה פון אַ מענטש.
אַ משל מיט אַ מענטשנס יאָרן.
ער זאָגט צו מיר: זיי אָפּגעהיט
זיי אָפּגעהיט פון גיין פאַרלוירן.
ס'קען זיין, אַז גאָט איז אומעטום..
מערער — וואו מען ווערט געבוירן.

דעם טאַטנ'ס ברכה'דיקע וואָרנונג נישט צו גיין פאַרלוירן איז אים בייגעשטאַנען אין אויסטראַליע. און לאָמיר האָפן, אַז ער וועט זיך געפינען אין מדינת ישראל, וואו גאָט [illegible] אוודאי איז, כדי צו וואַכן איבער אַ פאָלק וואָס ווערט געבוירן.

אין יאָסל בירשטיינ'ס בוך לידער זענען פאַראַן גאָר אַ סך רמזים, אַז ס'וואַקסט אַן אייגנאַרטיקער פּאָעט נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ צאָל לידער זיינע זענען נישט פריי פון אָפענע איינפלוסן. נאָר גראָד אין די בעאיינפלוסטע לידער זעט מען אין אַ שורה, אָדער אפילו אין אַן אויסדרוק, אַז דער דיכטער האָט דעם כּח צו געפינען אַן אייגענעם וועג צו אייגענע ווערטער און אַ באַזונדערע סטעזשקע צום אייגענעם געמיט. ער פאַרמאָגט אין זיך אפילו אַן אייגענע אינ־טימע שטילקייט.

נאָר שטום ווי אַ דומט און אומהיימליך גרינ'ס
געוואַקסט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

בירשטיין פאַרמאָגט אַ גוט מוזיקאַליש אויער פאַר דער מעלאָדיש־קייט פון אידישע שורות. אָפטמאָל עסט די מוזיק ביי אים אויף די ווערטער, אָדער זי באַגאַלירט די ווערטער. אָבער ער איז אַ מבין אין זיינע שורות לייענען זיך מיט טעם, נאָך איידער מען נעמט זיך אַנאַ־ליזירן די ווערטער אין די שורות.

כ'קום איצט פון הייל, פון וואַלד און פון פעלד..

וואונדערלעך, וואונדערלעך, גאָט, איז דיין וועלט.
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך ?
מער ווי די שרעק פאַר מיין היימישע שטאָט,
יאָגט מיך דער פּחד פון אייגענעם טראָט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך ?
ווי גרויזאַם דאָ איז, ווי רואיק, ווי שטיל.
איך אין בין פאַרגרויזאַמט און מיד שוין פון שפּיל —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך ?
כ'בין מקנא דעם שטיין וואָס עס וואַרפט ווער אַריין
אין אַ ברונעם אַריין און ער זינקט דאָרטן אַיין —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך ?
מיר געפעלן זייער צוויי שורות פון אַ ליד, וואָס זענען פּראָדיציאַבעל ווי אַ תּפילה — „פאַרקנעכט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים, אין דעם גורל פון מיין היים".
בירשטיין באַניצט די ליבשאַפט צו וואַרעמע אידישע ווערטער. ער איז פאַרקנאַסט אין די הנעוודיקע טייטשן פון אידיש. זיי זינגען זיך צונויף אין אַ קלאַרקייט. וואָס איז אפשר זיין גרעסטער חסרון. צוביל קלאַרקייט פאַר אַ יונגען פּאָעט.
איך קוק זיך אַרום און איך זע:
פון יעדער באַזונדערער זאַך
קוואַלט אַזאַ שטומקייט אַרויס.
וואָס ווינט אויף אַן אייגענע שפּראַך.
בירשטיין פאַרמאָגט נאָך נישט דעם געהיין פון שטומקייט, וואָס ווינט „אויף אַן אייגענער שפּראַך". אָבער אַז ער צווינגט זיך ווילט זיך אים הערן, אפילו ווען ס'דאַכט זיך, אַז דאָ און דאָרט זינגט ער נאָך אפשר מיט אַ פרעמד קול. איך וועל פאַרענדיקן מיט דער ערשטער העלפט פון אַ ליד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בירשטיינען. אַזאַ ליד פאַרמאָגט אין זיך די מעלות וואָס אויף זיי איז וזל דעם מאַטביס וואַרטונג — „די אַפּגעהיט, די אַפּגעהיט פון גיין פאַרלוירן".
איך רוים אַראָפּ די זאַכקייט פון מיין טיש.
ס'ו זיך אויס פון וואוילקייט, ווי פון פרעמדע קליידער
אַן אורח איז געקומען אויף מיין שוועל.
ער מיינט פאַרבלייבן דאָ כסדר.
ער זעצט זיך נעבן מיר ביים טיש אַוועק
און וואַרט ביז מיר וועט ווערן אייגן
דער אומגליק פון דיין גוף.
דיין אָטעם און דיין טריט
וואָס ליגט באַהאַלטן וואו. אונטער דיין פוס פון שוויגן.
דיין קאָפּ איז אין די אַקסלען טיף פאַרקלעמט.
און איך דערקען, דאָס וואַרט ער כ'זאָל אים זאָגן:
איך וויל אויך זיין ווי דו פאַרשעמט.
איך וויל אויך זיין ווי דו דערשלאָגן.